# סאָניע זאַנדרונסקי דער בדחן פון ביאַליסטאָק

אינעם פאָריקן באַנד ״ירושלימער אַלמאַנאַך״ האָט מיך פאַראינטערעסירט, צווישן פיל אַנדערע זאַכן, אריה שמיר׳ס אַרטיקל ״סאָניע דער בדחן״. עס האָט זיך געוואָלט טיפער באַקענען מיט סאָניעס ביאָגראַפיע און זיין שאַפן. אַ מער־ווייניק פולע אינפאָרמאַציע וועגן דעם, געפינען מיר אין זלמן זילבערצווייגס ״לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״ אין קאַפּיטל ״בדחנים־אַקטיאָרן״ (זילבערצווייג, 1934). אין דער ביבליאָטעק פונעם ירושלימער העברעאישן אוניווערסיטעט קאָן מען אָפּזוכן, אין פאַרשיידענע ביכער, זשורנאַלן און צייטונגען, אַ ריי אַרטיקלען און זכרונות וועגן דעם ביאַליסטאָקער בדחן. (זע די ביבליאָגראַפיע אונטן). ס׳האָט זיך געלונגען אָפּצוזוכן אין דער ביאַליסטאָקער צייטונג ״דאָס נייע לעבן״ (ביאַליסטאָק, 1919-1931), סאָניע בדחנס נעקראָלאָג און אויך ידיעות וועגן זיין לוויה. אין די אַלע מקורים, וואו עס ווערט דערמאָנט סאָניע דער בדחן, געפינען מיר אייניקע אומפּינקטלעכקייטן און סתירות אויף וועלכע מיר וועלן אָנווייזן ווייטער.

ערשטנס, זיין ריכטיקער פאַמיליע־נאָמען איז זאָנדרונסקי (יערי, 1959) – און ניט זאַדרונסקי, ווי ס׳איז געשריבן אין זילבערצווייגס ״לעקסיקאָן״ און, כמעט, אין אַלע אַנדערע מקורים (ביי אריה שמיר: זאַדאָנסקי). דאָס קאָן מען איבערלייענען אויף די הילעס פון סאָניעס צוויי ביכלעך (אי אויף יידיש, אי אין זייער רוסישן טיטל), וועלכע זענען דערשינען ביים מחברס לעבן (זע זייערע שער־בלעטער). ס׳קאָן זיין, אַז דער דאָזיקער פעלער איז פאַרבונדן מיט דעם אויסלייג פון סאָניעס פאַמיליע אויף פּויליש. דער ״a״ מיט אַ ״קאָדקעלע״ אונטן – Ządrunski לייענט זיך: זאָנדרונסקי און ווען מע פאַרגעסט דאָס ״קאָדקעלע״ רעדט מען אויס: זאַדרונסקי (ווי אַ שטייגער אין וויינטרויב, 1923).

צווייטנס, זיין פולער נאָמען איז געווען: ישראל. די עלטערן האָבן באַהאַלטן דעם ריכטיקן נאָמען ווי אַ סגולה קעגן אַ גוט אויג, ווייל ער איז געווען אַ בן־יחיד.

איצט וואָס שייך זיין ביאָגראַפיע און זיין טעטיקייט: סאָניע זאַנדרונסקי איז געבוירן געוואָרן אין ביאַליסטאָק, אין 1850. זיינע ערשטע לידער, צו וועלכע ער פּאַסט צו מעלאָדיעס, האָט ער פארפאַסט שוין אין דעם עלטער פון 14-15 יאָר. צו זיבעצן יאָר, כדי ניט צו ווערן אַ סאָלדאַט, פאָרט ער אַוועק קיין אָדעס, וואו ער האָט צוערשט געזונגען זיינע לידער אין וויינקעלערס, ווערנדיק שפּעטער דאָרט אַ פאָלקסזינגער און אַ בדחן. ער האָט געזונגען ביים באַוואוסטן זינגער ישראל גראָדנער. אויך אין זיין אָדעסער פּעריאָד האָט סאָניע אָנגעהויבן אַרומפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך מיט פאַרשידענע זינגער. צווישן זיי: משה היינע־חיימאָוויטש, משה פינקעל, אהרן טאָגער און אַנדערע.

אין די 80ער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט קערט ער זיך אום קיין ביאַליסטאָק און ווערט

דאָרט אַ פּראָפעסיאָנעלער בדחן. אין די אַלגעמיינע איינדרוקן פון ביאַליסטאָק אין די 1880ער שטייט געשריבן אין דעם באַקאַנטן *פּנקס ביאַליסטאָק*, אַז אין דער שטאָט פון יענע יאָרן

איז נאָך ניט געווען קיין וואַסער־לייטונג. מען איז געווען אָנגעוויזן אויף יידישע וואַסער־פירערס. קיין עלעקטרישע באַלייכטונג איז אוודאי ניט געווען. קיין טעאַטער־הויז איז ניט געווען. עס איז אפילו ניט געווען קיין איינציקער גרויסער זאַל אויף חתונות, קאָנצערטן, רעפעראַטן. דער איינציקער אַרטיסט וואָס האָט פריילעך געמאַכט דעם עולם אויף חתונות איז געווען סאָניע דער בדחן (סאָניע זאַדרונסקי).

(הערשבערג 1949, ז. 350)

אין 1890 און 1902 זענען אַרויס פונעם דרוק סאָניע זאַנדרונסקיס צוויי קליינע ביכלעך: *דער אמוזירער* (וואַרשע, 1890) און *סאָניעס לידער* (פּיעטריקאָוו, 1902). ווען מ׳פּרואווט מישפּטן וועגן סאָניעס שאַפן אויפן סמך פון די דאָזיקע ביכלעך (אינגאַנצן 9 לידער), קומט אויס טאַקע אַז זלמן זילבערצווייג איז מסתמא געווען גערעכט שרייבנדיק, אַז זאַנדרונסקיס פאַרפאַסטע לידער ״האָבן אַ קליינעם פּאָעטישן ווערט״. מ׳מוז אָבער געדענקען, אַז סאָניע האָט פאַרפאַסט פיל מער לידער, דער גרעסטער טייל פון וועלכע איז, צום באַדויערן, פאַרפאַלן. אַזוי, אַז איצט קאָנען מיר ניט אין דער פולער מאָס אָפּשאַצן דעם בדחנס פּאָעטישן טאַלאַנט. צוריקגערעדט איז מערקווירדיק אַז דער גראָדנער און ווילנער בדחן – יעקב זיזמאָר – האָט גראָד געהאַלטן, אַז סאָניעס טעקסטן און ניגונים זענען גאָר ניט געווען זיינע אייגענע (זע דאָ גלייך, אונטן). ס׳איז אָבער ברייט באַוואוסט אַז סאָניע האָט געהאַט אַ שיינע שטימע און געווען אַ מאדים ״פאָרצושטעלן אַ טיפּ״. האָט טאַקע דער זעלבער יעקב זיזמאָר אָנגעשריבן אין זיינע זכרונות די פאָלגנדיקע אָפּהאַנדלונג וועגן סאָניע דעם בדחנס קונסט:


סאָנֶיעס לִיעֶדֶער!
אִינְהַאלְט
1 עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת.
2 בַּעֲלֵי בָּתִּים מִיט דִיא מוֹיעֶרִין.
3 דִיא פַאפִּיעֶרֶענֶע וֶועלְט.
4 וָואלְנֶע פַאוְשַׁארְנֶע.
פֶערְפַאסְט פָאן סָאנְיֶע זַאנְדְרוּנְסְקִי אוֹיס בְּיַאלִיסְטָאק.
בהוצאות של ר׳ אליעזר טיקאצינסקי מחזיק סקלאד ספרים בביאליסטאק, אשר קנה הזכות מאת המחבר.
פיעטרקוב
בדפוס של הרבני מו״ה מרדכי צעדערבוים נ״י.
תרס״ב
СОНІЕСЪ ЛИДЕРЪ
т. е. Пѣсни Соня
Соч. Соня Зандрунскаго
въ тип. М. Цедербаума. Петроковѣ. 1902 г.

פון די דאָזיקע עמי־הארצים, פלעגן אַנדערע אויספירן זייער אַמוזאַנט פאַר דעם פּובליקום פאַרשיידענע פאָקוסן, ווי בענדער ציען, פייער שלינגען און נאָך אַזעלכע קונצן, וואָס זיי פלעגן זיך אויסלערנען ביי אַ קונצנמאַכער. פון דעם אַרט בדחנים האָב איך איינעם גוט געקענט אונטער דעם נאָמען ״סאָניע דער ביאַליסטאָקער״. ער האָט געהאַט אַ גרויסן טאַלאַנט אין מימיק און קאָמיק. ווען ער וואָלט שטודירט אין דעם און באַזעסן פיל־ווינציק בילדונג, וואָלט ער אַ

באַרימטער אַרטיסט געווען. אַזוי ווי ער איז אָבער אין זיין יוגנט געווען אַ דאַמען־שוסטער, האָט ער קיין שום בילדונג ניט געהאַט, ניט קיין יידישע און ניט קיין אייראָפּעאישע, האָט ער זיך, ווי די אַלע בדחנים זיינס גלייכן, זיך אויסגעלערנט אָט די אַלע סקאַרבאָווע זאַכן, וואָס אַ חתונה פּאָדערט, און איז געוואָרן אַ בדחן. ער האָט געהאַט אַ כוח אויסצוטראַכטן זיך אַליין פאָרשטעלונגען, למשל – "דער קאַרגער בחור", "דער קליינשטעטלדיקער חזן", "די עגונה זוכט איר מאַן", "פון וויגל ביז דעם גריבל" (די פאַרשיידענע פעריאָדן פון אַ מענטשנס לעבן), האָט געפירט מיט זיך אַ טשעמאָדאַן מיט בערד, פאַרשיידענע קליידער, אויך דאַמענקליידער, און האָט אויסגעפירט יעדער זאַך מיט זיין מימיק און קאָמיק ווי אַן אמתער קינסטלער. געוויינטלעך, די ווערטער פון די קופּלעטן מיט דער מוזיק – דאָס האָט מען אים שוין געשאַפן, נאָר די אויספירונג מיט דעם מאַסקירן און גרימירן זיך – איז געווען אַרטיסטיש. אין גרונד גערעדט, האָט דאָס מיט בדחנות גאָר אַ קנאַפּן אויפטראָג. דאָך האָט ער זיך פאָרט גערופן "סאָניע דער ביאַליסטאָקער בדחן".

(זיזמאָר 1922, ז. 878)

דאָס וואָס יעקוב זיזמאָר איז אַזוי קריטיש איבער סאָניעס דערציאונג, צי זיינע ליטעראַרישע כשרונות, שטרייכט דווקא אונטער די אויפריכטיקייט פון זיין עדות איבער סאָניעס דראַמאַטישן און פאַרווײַלערישע טאַלענטן. צי זענען די "פאָרשטעלערישע" בדחנים פון נייעם שניט טאַקע אַלע געווען הוילע עמי־הארצים און צי דאָס איז בכלל געווען אַ נייע דערשיינונג יענע יאָרן איז אַ באַזונדערע פראַגע. מ׳מוז אָבער אונטערשטרייכן, אַז דעם בדחנס קונסט האָט אַפּנים נאָך אין די גאָר אַלטע צייטן געהאַט גאָר אַ סך צו טאָן דווקא מיט דעם ווי־אַזוי און מיט וואָס פאַר אַן אַקטיאָרישע כלים עס ווערן פאָרגעשטעלט און אויסגעשפּילט דעם בדחנס "שטיקעלעך". דווקא די מוזיקאַלע און שוישפּילערישע עלעמענטן האָבן אַפּנים אין גאָר אַ סך פאַלן געשפּילט אָן אַ שיעור וויכטיקערע ראָליע איידער דעם טעקסט׳ס ליטעראַרישע ווערט (וועגן בדחנים און


דער אַמוזירער
פיער נייע לידער
1) דעם מענשינס צוועק || 3) מה נשתנה
2) דער פּאָליטיק || 4) דער איצטיגער פּידיון
פערפאסט פאן
סאָניע זאנדרונסקי בדחן מביאליסטאק
ווארשא
שנת תר״ב לפ״ק

בדחנות מיט אַ רייכער ביביליאָגראַפיע זע: קראַסני, 1998 און בפרט מזור, תש״ס).

אין 1902 קומט סאָניע צום ערשטן מאָל קיין אַמעריקע, וואו ער האָט געהאַט רייכע קינדער און אייניקלעך. דאָרטן טרעט ער אַרויס מיט קאָנצערטן, זינגט אויף חתונות און סתם פאַרוויילונגען, טרעפט זיך מיט זיינע אַלטע באַקאַנטע וויינקעלער־זינגער פון אָדעס. לויט ווי עס שרייבט דוד סאָהן אין זיין בראָשור: "די טעטיגקייט פון דער ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט

אין אַמעריקע״, האָט סאָניע זאָנדרונסקי מיטגעאַרבעט אין דער *ביאַליסטאָקער שטימע* (ניו־יאָרק, 1921-1995), ווייזט אויס אין 1921-1923 (פֿאַר די דאָזיקע יאָרן זענען ניט פֿאַראַן אין אונדזער ביבליאָטעק קיין נומערן פֿון ״ביאַליסטאָקער שטימע״). אויף דער עלטער, אין 1927-1928 איז ער געווען אַן אָנגעשטעלטער אין ביאַליסטאָקער בקור־חולים פֿון ניו־יאָרק און אויך איינער פֿון די פּאַציִענטן.

פֿון 1902 ביז 1928 איז סאָניע געווען אין אַמעריקע 14 מאָל, – גאָרניט קיין קלייניקייט אַז מ׳דערמאָנט זיך אַז יענע צייטן האָט דאָס געהייסן צוויי מאָל אַזויפֿיל שיף־רייזעס איבער דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן. ס׳הייסט אויך, אַז דאָס ליד, וועלכע עס ציטירט אריה שמיר (2003, ז. 280), האָט סאָניע געקאָנט זינגען אויך מיט די ווערטער: ״פֿערצן מאָל בין איך אין אַמעריקע געווען...״

אין 1928 האָט ער זיך ווידער געקליבן צו פֿאָרן קיין אַמעריקע צום 15טן מאָל. ס׳זעט אויס אַז ער האָט ניט געקאָנט זיך געפֿינען קיין אָרט, ניט אין דער נייער און ניט אין דער אַלטער וועלט. ס׳איז אים אָבער פֿאָרט באַשערט געווען צו שטאַרבן אין דער אַלטער היים. בעת ער איז שוין געהאַלטן ביים דערליידיקן די וויזע אין וואַרשע האָט ער זיך שטאַרק צוגעקילט און געשטאָרבן נאָוועמבער 1928 אפֿנים אין ביאַליסטאָקער (צי אפֿשר אין וואַרשעווער?) שפּיטאָל אין עלטער פֿון 78 יאָר (און ניט 84 ווי עס שטייט געשריבן אין אייניקע ערטער).

אין דער צייטונג ״דאָס נייע לעבן״ איז דערשינען סאָניע דעם בדחנס נעקראָלאָג, וואָס גיט, אגב, איבער אויך דעם קאָלאָריט פֿון דעם אַמאָליקן היימישן ביאַליסטאָקער צייטונגס־לשון. אינעם נעקראָלאָג שטייט געשריבן דאָס פֿאָלגנדיקע (דאָ איבערגעגעבן מיטן היינטיקן אויסלייג):

**געשטאָרבן סאָניע בדחן**

נעכטן נאָכמיטאָג האָבן זיך צו אונדז געמאָלדן צוויי היגע יידן, ה׳ה משה נייהויז און שמואל אַלטער, פּערזענלעכע פריינט פֿון סאָניע דעם בדחן און איבערגעגעבן, אַז סאָניע איז קראַנק, ער ליגט שוין עטלעכע טעג אין היגן יידישן שפּיטאָל, און פּלוצלינג האָט מען אים נעכטן פרי איבערגעפֿירט פֿון דער אַלגעמיינער פּאַלאַטע אין דער אָפּטיילונג פֿאַר גייסטיק־קראַנקע, וואו ער פֿילט זיך זייער שלעכט.

די יידן האָבן דעריבער פֿאַרלאַנגט, מיר זאָלן זיך אינפֿאָרמירן אין שפּיטאָל, צוליב וואָס מ׳האָט עס געטאָן.

מיר האָבן זיך תיכף געווענדט טעלעפֿאָניש צו דער שפּיטאָל־לייטונג און ה׳ פּאָזנאַנסקי האָט אונדז אויפֿגעקלערט, אַז סאָניעס געזונט־צושטאַנד איז אַ געפֿערלעכער, ער איז קראַנק ניט בלויז פֿיזיש, נאָר אויך פּסיכיש און די לעצטע נאַכט האָבן די איבעריקע קראַנקע פֿון אים שטאַרק געליטן. מ׳האָט אים דעריבער איבערגעפֿירט אין אַ באַזונדער צימער, אין דער אָפּטיילונג פֿאַר גייסטיק־קראַנקע, וואו ער געפֿינט זיך אונטער דער השגחה פֿון אַ קראַנקן־שוועסטער.

ה׳ פּאָזנאַנסקי האָט דערביי אויך אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז סאָניעס שעהען זענען

געציילטע און אויב זיינע פריינט, די אויבנדערמאָנטע יידן, ווילן זיך מיט אים זען זאָלן זיי תיכף קומען אין שפּיטאָל.

און כך הווה – די ביידע יידן זענען אַוועק אין שפּיטאָל און אין אַ שעה אַרום איז ה׳ נייהויז צוריק געקומען און אונדז דערציילט, אַז זיי האָבן אים שוין געטראָפן אין אַ באַוואוסטלאָזן מצב און אין אַ האַלבע שעה אַרום איז ער אויסגעגאַנגען.

*

מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, ווען בדחנות איז נאָך געווען אין דער מאָדע, איז סאָניע געווען באַרימט ניט בלויז אין ביאַליסטאָק. נאָר ווייט אין דער גאַנצער סביבה. שפּעטער האָט ער עמיגרירט קיין אַמעריקע, וואו ער האָט רייכע קינדער און אייניקלעך, אָבער לאַנג האָט ער זיך דאָרט ניט געקענט איינהאַלטן – אַמעריקע איז אים ניט געפעלן געוואָרן און ער איז געקומען צוריק קיין ביאַליסטאָק, נאָך דעם איז ער ווידער געפאָרן קיין אַמעריקע און ווידער צוריק, און אַזוי האָט ער אין משך פון די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר באַזוכט אַמעריקע 14 מאָל. ס׳הייסט 28 נסיעות איבערן אַטלאַנטיק.

איצט האָט ער זיך געקליבן צו פאָרן אַהין אַ 15טן מאָל, און ער האָט שוין אין וואַרשע געאַרבעט אַרום די וויזעס. אָבער לויפנדיק פון איין קאָנסולאַט אין צווייטן, האָט ער זיך צוגעקילט און נעכטן געשטאָרבן אין שפּיטאָל אויפן 78טן יאָר פון זיין לעבן.

זאָל אים די ערד גרינג זיין!

(*דאָס נייע לעבן*, ביאַליסטאָק, נומ. 268, 19 נאָוועמבער 1928)

אויף איבערמאָרגן איז אין דער זעלבער צייטונג דערשיינט די פאָלגנדיקע קורצינקע נאָטיץ:

**די לוויה פון סאָניע בדחן**

מיטן איינאָרדענען די לוויה פון סאָניע בדחן האָט זיך פאַרנומען דער היגער איינוואוינער ה׳ משה נייהויז. די לוויה איז פאָרגעקומען פון ״הקדש״ 2 בייטאָג. די חברה קדישא האָבן אים מקבר געווען אויף אַ בכבודיקן אָרט. כדאי אָבער צו באַמערקן, אַז אַ גאַנץ קליינער עולם איז געקומען אָפּגעבן סאָניע בדחן דעם לעצטן כבוד...

(*דאָס נייע לעבן*, ביאַליסטאָק, נומ. 270, 21 נאָוועמבער 1928)

כאָטש סאָניע בדחנס געדרוקטע לידער זענען, מילד גערעדט, ווייט ניט אויף דעם העכסטן פּאָעטישן ניוואָ, ווילט זיך פאָרט דאָ ברענגען אייניקע סטראָפעס פון זיי לויט ווי זיי זענען פּובליקירט געוואָרן אין זיינע צוויי ביכלעך (טאַקע ווי זיי שטייען און גייען – דער אויסלייג פונעם מקור ווערט אָפּגעהיט). די מוסטערן וואָס ווערן דאָ געבראַכט זענען אַרויסגענומען פון סאָניע בדחנס דריי לידער – יעדערע צו 6 סטראָפעס. אין אַלגעמיין באַשטייען זיינע לידער אין די צוויי ביכעלעך פון 6 ביז 10 סטראָפעס און די סטראָפעס גופא פון 10 ביז 18 שורות יעדערע.

## מה נשתנה

איך הייב אָן צו בעקלערין וואָס איז דאָס פאַר אַ זאַך
וואָס איז דאָס אַרויס גיקומען פאַר אַ דור
עס איז גיוואָרין פאַר ענדערט אין יעדין פאַך
אַנטקעגין פריערדיגע דורות איז ניט גלייך גאָר
עס איז עפּעס אַלס פאַר שטעלט גיוואָרין
אין יעדין פאַך אין אַללע גישעפטן
עס איז גיוועזן גאָר אַנדערע יאָהרין
אַנדערע מענשין אַנדערע קרעפטין
היינט זעהט מען נאָר מאָדעס זשורנאַלן
מיא גייט געפּוצט וויא קנייאַזין וויא גראַפין
מיט דעם זאָרג איז יעדערער בעפאַלין
צו מיא קען צו ניט מוז ווערין בעשאַפין
וויפיל קאָסט דאָס געזונד
גאָר אָן אַ גרונד
וואָס איינער איז דעם צווייטין מקנא
פון פריערדיגע יאָהר
ביז איצטיגען דור
קען מען טאַקע פרעגין מה נשתנה...

(ווייטער קומען נאָך 5 סטראָפעס)

## דעם מענשינס צוועק

וואָס הייסט דער לעבין?
וואָס גאָטט האָט צום מענשין גיגעבין?
וואָס איז דאָ דעם מענשינס צוועק?
וואָס בעריהמט מען איהם דאָ גאָר אָן איין עק?
איך ווייס אַנדערע רופן אַ לעבין דאָס אַליין,
נאָר גוט עסין גוט טרינקען מיט פערגעניגען זיך בעגיין,
גיין שיין גיקליידעט, און גיין שפּאַצירין,
און ווייזט אויס אַז ער קען אַ גרויסע ראָליע פיהרין,
האַבעווען האַסין און קלייבין נאָר געלד
דאָס הייסט אַ לעבין, דאָס איז זיין צוועק אויף דער וועלט...

(ווייטער נאָך 9 סטראָפעס)

**דיא פּאַפּיערענע וועלט**

היט זיך מענטשען וויא איהר גייט,
אוף דער היינטיגער שוואַכער וועלט,
זייער שוואַך איז היינט דער פודאַמענט געבויט,
איז מען שטאַרק איין גישטעלט.
וואַרום וואָס ווייטער אַ דור,
ווערט דיא ערד אַללס מאָגער און שוואַכער,
און מענטשען פערלאַנגען נאָר,
מעהרער און וואָס רייכער.
און דיא ערד קען אַזוי פיעל ניט פערטראָגען,
דעם לוקסוס פון היינטיגע צייטען,
האָבען זיך מענטשען צוא אַ מיטיל דער שלאָגען,
מיט פּאַפּיערען וועקסלען בייטן.
וואו מען גיט זיך אַ ריהר – איז דורך אוס מיט פּאַפּיר,
מוז מען פליהען פון הויבען גאַנץ מונטער,
נאָר עטוואָס אַ שטאַרקער טריט,
צוא רייסט זיך און דער מיט,
קען מען פאַלן אין גאַנצען אַרונטער...

(ווייטער קומען נאָך 5 סטראָפּעס)

## ביבליאָגראַפֿישע קוועלן


הערשבערג, אברהם שמואל 1949 —

*פּנקס ביאַליסטאָק: גרונט־מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון די יידן אין ביאַליסטאָק ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה*, רעדאַגירט פון יודל מאַרק, ניו־יאָרק

וויינטרויב, י. 1923 —

״אַ האַלבער יאָרהונדערט ביאַליסטאָקער פאָלקסזינגער״, אין *ביאַליסטאָקער שטימע* (ניו־יאָרק), איבערגעדרוקט אין *אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע*, רעד. י. שאַצקי, (ווילנע–ני־יאָרק, 1930-תר״ץ), באַנד 1, זז. 71-73.

זאַנדרונסקי, סאָניע 1890 —

*דער אַמוזירער, פּיער נייע לידער*, וואַרשע, תר״ן [1890].

– – – 1902 —

*סאָניעס ליעדער!* פּיעטרקאָוו, תרס״ב-1902.

זיזמאָר, יעקב 1922 —

״אַמאָליקע חתונות. פון מיינע זכרונות וועגן בדחנים״, אין *פנקס פאַר דער געשיכטע פון ווילנע אין די יאָרן פון דער מלחמה און אָקופּאַציע.* ווילנע, תרפ״ג-1922, שפּ. 873-878.

זילבערצווייג, זלמן 1931 —

*לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער*, ב. 1, זז. 132.

יערי, אברהם 1959 —

״ספרי בדחנים״ אין *קרית ספר*, ב. ל״ה, זז. 109-126.

סאָהן, דוד 1934 —

*די טעטיקייט פון דער ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע.* ניו־יאָרק.

– – – 1951 —

*ביאַליסטאָק. בילדער־אַלבאָם פון אַ באַרימטער שטאָט און אירע יידן איבער דער וועלט*, געזאַמעלט און צונויפגעשטעלט פון דוד סאָהן. ניו־יאָרק

מזור, יעקב תש״ס —

״הבדחן בחברה החסידית: היבטים היסטוריים, חברתיים ומוסיקליים״ אין *דוכן: מאסף למוסיקה יהודית דתית*, ב. ט״ו, זז. 41-80.

קראַסני, אריאלה 1998 —

אריאלה קרסני, *הבדחן. דמותו של הבדחן בעולם היהדות.* אוניברסיטת בר־אילן, רמת גן.

שמיר, אריה 2003 —

״געשטאַלטן פון אַמאָליקן ביאַליסטאָק״, אין *ירושלימער אַלמאַנאַך*, ב. 27, זז. 277-280.